אַ ליקט זס מיר אַפּ

**יוגנט-צענטער פון דער ליטעראַטור-געזעלשאַפט ביים ייוואָ**

**CENTRO JUVENIL - ATENEO LITERARIO EN EL I.W.O.**
**Pasteur 633.-3º Piso.- Buenos Aires**

---

בוענאָס איירעס, 3טער אויגוסט 1966

ניט דרוקן!

טייערע פריינד:

ווי איר ווייסט שוין פון די געציילטע בריוו וואָס איר האָט באַקומען פון מיר און פון אַנדערע חברים, האָט זיך דאָ אין בוענאָס-איירעס אָנגעהויבן צו רירן אַ ביסל נאָך אייער רוף אין די צייטונגען, אין מאָנאַט אַפּריל. ביי פאַרשיידענע יחידים און גרופּעס האָט זיך דערוועקט אַן אינטערעס צו דער איניציאַטיוו פון „יוגנטרוף". אויף אייער בקשה האָב איך איבערגעזעצט אייער אָפענעם בריוו צו דער אַרגענטינער-ידישער יוגנט אויף שפּאַניש, אָבער די היגע שפּאַנישע אויסגאַבע „מונדאָ איסראַעליטאַ" וווּ איך האָב דאָס אַרייַנגעגעבן האָט דאָס ניט געוואָלט אָפּדרוקן. אייער צווייטער קאָרעספּאָנדענט, אַ.נאָווערשטערן, האָט זיך מיט מיר געשטעלט אין קאָנטאַקט און מיר האָבן אָנגעהויבן בילדן אַ גרופּע וואָס האָט געזאָלט ווערן דער אַרגענטינער אָפּטייל פון „יוגנטרוף".

די ספּעציפישע באַדינגונגען פון דער בוענאָס איירעסער ידישער קולטור-וועלט האָבן אונדז אָבער איבערגעצייגט אין דעם אַז כדי צו פירן אונדזער אַרבעט מיט אויסזיכטן פון דערפאָלג מוזן מיר זיך קאָנסטיטוירן ווי אַ מיטאַרבעט-גרופּע ביי איינער פון די איינגעוואָרצלטע היגע קולטור-אינסטיטוציעס. צו דעם צוועק האָבן מיר אויסגעקליבן די ליטעראַטור-געזעלשאַפט ביים ייוואָ, וועלכע פירט דורך אין די לעצטע יאָרן אַ פרוכטבאַרע טעטיקייט אויפן געביט פון באַהעפטן די יוגנט מיט דער ידישער קולטור. דער וויכטיקסטער אויסדרוק פון אָט דער טעטיקייט איז די סעריע ביכער „מוסטערווערק פון דער ידישער ליטעראַטור" וואָס די געזעלשאַפט גיט-אַרויס און וואָס איר קענט און שאַצט בלי ספק אָפּ ווי געהעריק.

מיר פּלאַנעווען דורכצופירן אין די לעצטע טעג אויגוסט אַ פּראָקלאַמירונגס-אַקט, צו וועלכן מיר גרייטן זיך שוין צו מיט ברען. דער אַקט וועט אַרומנעמען די געביטן אויף וועלכע מיר רעכענען צו טאָן אונדזער אַרבעט: אַ רעפעראַט וועגן ליטעראַטור, טעאַטער, געזאַנג, מוזיק, פּלאַסטישע קונסט, טאַנץ אאַזוו.

וואָס שייך דער פּרינציפּן-דעקלאַראַציע, האָבן מיר פאַראייגנט אייערע, צוגעבנדיק איין פּונקט, דעם נומער 4. אויך אונדזער רעגלאַמענט איז געבויט אויף דער באַזע פון אייערע תקנות.

הגם מיר טראָגן ניט דעם נאָמען „יוגנטרוף", האַלטן מיר אַז מיר דאַרפן אָנקניפּן מיט איך די נאָענטסטע באַציונגען. מיר וועלן איך איבערשיקן אַ פּעריאָדישן באַריכט און זען מיטצואַרבעטן מיט איך אויף אַלע מעגלעכע אופנים, ווי דאָס פּאַסט פאַר אָרגאַניזאַציעס וואָס זיינען גייסטיק אידענטיש. באַזונדער שיקן מיר איך איבער די רשימה און אָפּצאָלן פון די ערשטע אַבאָנענטן פון זשורנאַל „יוגנטרוף".

מיר האָפן אין גיכן צו הערן פון איך נייעס, און טאַקע פריידיקע נייעס.

מיט ברידערלעכן גרוס,

י. ניבאָרסקי

יצחק ניבאָרסקי
גענ׳סעקרעטאַר